# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

גליון קד • שנה ג

פרשת דברים

תשפ"ה


## פאָרוואָרט

ס'איז באקאנט

דאס ווארט פון בעל שם טוב זי"ע אויף די פסוק אין תהלים (קיח, א) הודו להוי"ה כי טוב, כי לעולם חסדו. אז שם הוי"ה במספר קטן איז בגימטריא 17 אזויפיל וויפיל ס'איז בגמטריא דאס ווארט 'טוב'. דאס מיינט צו זאגן אז ווען שם הוי"ה וואס איז מרמז אויף חסד איז במספר קטן, און ס'איז באהאלטן, מען זעהט נישט די אפענע חסדים פון באשעפער, אבער מען גלייבט אז דעם באשעפער'ס חסדים ליגט דערין, און סאיז נאך אלץ 'טוב', דעמאלסט ווען זיין 'כי לעולם חסדו' ס'וועט אנטפלעקט ווערן די חסדים פון באשעפער אויף אייביג.

מיט די ווארט איז דער 'קול אריה' מוסיף און מפרש (פתח טוב אות ח) די קומענדיגע פסוק יאמר נא ישראל כי לעולם חסדו, אזוי ווי עס ווערט געברענגט פון ר' סעדיה גאון אז א מענטש וואס זאגט אויף יעדע זאך גם זו לטובה אזוי ווי נחום איש גם זו איז זוכה צו ממשיך זיין חסדים ונסים, און דאס זאגט דוד המלך: יאמר נא ישראל, זאל מען נאר דאנקען דעם באשעפער אויף די חסדים און זאגען גם זו לטובה, דעמאלסט וועט זיין כי לעולם חסדו.

אין די תורה וועלן מיר זעהן ווי די בת עין איז מסביר ווי משה רבנו האט אויסגעלערנט די יודען אז דורך זיך מתבונן זיין אין חסדי השם אין יעדע זאך קען מען איבערקערן א יעדע זאך פון דין צו רחמים און מעורר זיין חסדי השם אויף דעם מענטש.

תוכן המפתח


[א] לשון הפסוק. / די קשיא אויף די ווארט 'בעבר הירדן'. / די שטאלץ פון די באשעפער אין די יודען אז זיי קערן איבער טונקל צו ליכטיגקייט. / די טייטש פון גם 'זו' לטובה.

[ב] די תירוץ אויף די ווערטער 'בעבר הירדן'. / משה רבינו האט אויסגעלערנט די יודען א עצה ווי אזוי צו ממתיק זיין די דינים. / אויפדעקן די חסד אין א יעדע צרה. / די תעניתים זענען מרמז אויף די חסד וואס ליגט אינדעם.

[ג] די רצון השם איז אז די יודען זאלען איבערקערן די צירופים פון שלעכטס צו גוטס. / די רמזים אין די פסוק 'אלה הדברים'. / די רמזים אין די פסוק 'אלה הדברים'. / משה רבינו האט אויסגעלערנט די יודען ווי אזוי איבערצוקערן צירופים פון דין צו רחמים.


## בַּשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁית


גליון זה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **שמואל דוד טויב** שליט"א והר"ר **שמעיה שפיטצער** נ"ו מייסדי גליוננו זה, זכות רבינו המחבר הק' יגן בעדן שיזכו להמשיך להרבות פעלים לתורה וחסידות ולזכות לכל משאלות לבם לטובה, אכי"ר


מתוך שבח והודאה להשי"ת טוען אונז מיט די גליון אריינגיין אינעם דריטן יארגאנג זייט די ערשיינונג פונעם גליון. ברוך השם אז די גליון ווערט געלערנט וועכנטליך דורך הונדערטער יודן וואס נעמען חיזוק און הדרכה פון די הייליגע ווערטער פונעם בת עין. און אין א בחינה פון מעלין בקודש וועלן אונז זיך משתדל צו אריינלייגן א יעדע וואך א קליינע ליקוט פון דברי מוסר פון לשון קדשו פונעם בת עין, און אונז ווארטן צו הערן פונעם ציבור זייערע הערות.

און ס'בלייבט נאר איבער צו בעטן פון השי"ת עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ רַחֲמֶיךָ וְלֹא עֲזָבוּנוּ חֲסָדֶיךָ און אונז בעטן איך אויף ווייטער וְאַל תִּטְּשֵׁנוּ ד' אֱלֹקֵינוּ לָנֶצַח. אמן

[א]

### לשון הפסוק

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר[א] וְגוֹ' **דאס זענען די** (שטראף) **רייד וואס משה רבינו האט גערעדט צו אלע יודן ווען משה רבינו האט זיך געפונען** בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן (די אנדערע זייט פון די ירדן) **אויף די זינד וואס איז געטאהן געווארן** בַּמִּדְבָּר (ווי זיי האבן ביי די נסיון פון מָן זיך אפגערעדט און געזאגט 'מִי יִתֵּן מוּתֵנוּ בְיַד ד' בְּאֶרֶץ

א. כאטש די תורה הייבט זיך אן מיט די קומענדיגע שטיקל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר וְגוֹ' האבן מיר לתועלת פון די לערנערס זיי זאלן האבן פאר זיך די לשון הפסוק אויף וואס די דרוש איז געבויעט האבן מיר דא מעתיק געווען די גאנצע לשון הפסוק. די לשון הפסוק איז: אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף בֵּין פָּארָן וּבֵין תֹּפֶל וְלָבָן וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב.

מִצְרַיִם') **וגו'** [און די פסוק רעכנט ווייטער אויס אלע פלעצער **וואס דאס איז אלעס סימנים אויף די עבירות וואס זיי האבען דארט געטאהן].**

## די קשיא אויף די ווארט 'בעבר הירדן'

**בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר וְגוֹ'. וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק שֶׁלִּכְאוֹרָה אֵין זֶה סִימָן** מען דארף פארשטיין אז דאס ווארט 'בעבר הירדן' איז נישט קיין סימן ווי מען געפינט זיך, **כִּי לְהָעוֹמֵד בְּחוּץ לָאָרֶץ מַשְׁמַע לוֹ שֶׁעֵבֶר הַיַּרְדֵּן הוּא בְּאֶרֶץ כְּנַעַן** ווייל ווען איינער געפינט זיך אין חוץ לארץ פארשטייט ער אז 'עבר הירדן' די אנדערע זייט פון די ירדן איז אין ארץ ישראל.

**וּמִלַּת 'בַּמִּדְבָּר' אֵינוֹ מֵהַסִּימָן** און די ווארט 'במדבר' איז דאך נישט א סימן [אז מען זאל פארשטיין אז 'עבר הירדן' מיינט אז ער געפינט זיך אינדרויסן פון ארץ ישראל], **כִּי אִם הַתְחָלַת הַתּוֹכֵחָה** ווייל די ווארט 'במדבר' דרש'ענען דאך חז"ל איז פון די אנפאנג פון די תוכחה[ב].

בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר וְגוֹ'. וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק שֶׁלִּכְאוֹרָה אֵין זֶה סִימָן, כִּי לְהָעוֹמֵד בְּחוּץ לָאָרֶץ מַשְׁמַע לוֹ שֶׁעֵבֶר הַיַּרְדֵּן הוּא בְּאֶרֶץ כְּנַעַן, וּמִלַּת 'בַּמִּדְבָּר' אֵינוֹ מֵהַסִּימָן, כִּי אִם הַתְחָלַת הַתּוֹכֵחָה[א].

וּלְתָרֵץ זֶה, הִנֵּה כְּתִיב (ישעי' מט, ג) 'יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר'[ב].

וְיָדוּעַ מַאֲמַר חֲזַ"ל (ויק"ר לו, ד) שֶׁעִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיָה בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, שֶׁיּוֹצִיאוּ הָאוֹר מִתּוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ וְיַהַפְכוּ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא.

עַל כֵּן כְּשֶׁבָּאִים חַס וְשָׁלוֹם שׁוּם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל יִסְתַּכֵּל בְּהַטּוֹב הַהוּא הַגָּנוּז בְּתוֹכוֹ, וִיבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה הַנִּגְלֵית, כִּי גַּם זוּ לְטוֹבָה, רַק שֶׁהַטּוֹב נִסְתָּר וְנֶעֱלָם.

א. ר"ל, שהיות שתיבת 'במדבר' אינו מהסימן, כדברי רש"י, אם כן תיבות 'בעבר הירדן' אינם סימן, כי לעומד בא"י משמע שעבר הירדן הוא בחו"ל, והעומד בחו"ל משמע לו שעבר הירדן הוא בארץ כנען.

ב. ראה מה שכתב רבינו כעין זה לעיל בפרשת וירא ד"ה בפסוק ויסע משם אברהם: וזהו פירוש הפסוק 'ישראל אשר בך אתפאר', שתיבת ישראל בגימטריא חוש"ך או"ר, מרמז שעיקר בחינת ישראל הוא לראות תמיד להפך חושך לאור, לאכללא שמאלא בימינא.

## די שטאלץ פון די באשעפער אין די יודען אז זיי קערן איבער טונקל צו ליכטיגקייט

**וּלְתָרֵץ זֶה** און כדי דאס צו פארענטפערן, **הִנֵּה כְּתִיב** (ישעי' מט, ג) **'יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר'** עס שטייט אין פסוק דער באשעפער רומט אויס זיין פאלק 'די יודען וואס מיט דיר טוה איך שטאלצירן', **וְיָדוּעַ מַאֲמַר חֲזַ"ל** (ויק"ר לו, ד) **שֶׁעִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיָה בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל** און ס'איז באקאנט די מאמר חז"ל אז די עיקר 'בריאת העולם' (באשאפונג פון די וועלט) איז געווען וועגן די יודען, **שֶׁיּוֹצִיאוּ הָאוֹר מִתּוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ** אז זיי זאלען ארויסנעמען די ליכטיגקייט פונעם טונקעל, **וְיַהַפְכוּ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא** און זיי זאלן איבערדרייען די טונקעלקייט צו די ליכטיגקייט.

**עַל כֵּן כְּשֶׁבָּאִים חַס וְשָׁלוֹם שׁוּם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל** איז וועגן דעם ווען עס קומען חס ושלום דינים און יסורים אויף די יודען, **יִסְתַּכֵּל בְּהַטּוֹב הַהוּא הַגָּנוּז בְּתוֹכוֹ** זאל ער קוקען אויף די גוטס וואס ליגט באהאלטען אין דעם שלעכטס, **וִיבָרֵךְ עַל הָרָעָה** און ער זאל מאכען א ברכה [דאס מיינט, דאנקען דעם באשעפער] אויף די שלעכטס, **כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה הַנִּגְלֵית** פונקט אזוי ווי ער מאכט א ברכה אויף די אפענע גוטס, **כִּי גַּם זוּ לְטוֹבָה** ווייל דאס איז אויך צום גוטען, **רַק שֶׁהַטּוֹב נִסְתָּר וְנֶעֱלָם** נאר די גוטס איז באהאלטען און פארהוילען.

## די טייטש פון גם 'זו' לטובה

**וְאָמַר הָרַב הַקָּדוֹשׁ** רַבִּי חַיִּים מִקְּרָאסְנִי זצ"ל **עַל גַּם זוּ לְטוֹבָה** און אזוי ווי הרב הקדוש ר' חיים פון קראסני האט געטייטשט אויף די מאמר חז"ל וואס נחום איש גם זו פלעגט כסדר זאגען 'גם זו לטובה',

ב. ווי רש"י איז מסביר אז משה האט זיי געמיינט צו מרמז זיין אויף די עבירה וואס זיי האבן געטאהן אין די 'מדבר' (אנדערש ווי די רשב"ם וואס זאגט טאקע אז די ווארט 'בַּמִּדְבָּר' מיינט אונז צו זאגן אז 'בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן' איז געווען אין די 'מִּדְבָּר').

וְאָמַר הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי חַיִּים מִקְּרָאסְנִי זצ"ל עַל גַּם זוּ לְטוֹבָה[ג], פֵּירוּשׁ שֶׁיָּדוּעַ שֶׁשֵּׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הוּא רַחֲמִים, וְהַשֵּׁם כוז"ו שֶׁהֵם אוֹתִיּוֹת שֶׁאַחַר אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה בְּאַלֶ"ף בֵּי"ת הֵם דִּין, רַק שֶׁהַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכוֹ בְּהֶסְתֵּר.

וְאוֹתִיּוֹת כ"ו שֶׁל הַשֵּׁם כוז"ו הַחֶסֶד שֶׁבָּהֶם הֵם יוֹתֵר נִגְלִים, כִּי הֵם גִּימַטְרִיָּא הֲוָיָ"ה.

וְאוֹתִיּוֹת ז"ו הֵם יוֹתֵר דִּין, וְהַחֶסֶד נִסְתָּר בְּתוֹכוֹ מְאוֹד בְּיוֹתֵר.

וְלָכֵן אָמַר נָחוּם אִישׁ גַּם זוּ (תענית כא.) 'גַּם זוּ לְטוֹבָה', פֵּירוּשׁ גַּם אוֹתִיּוֹת ז"ו שֶׁהֵם מוֹרִים בְּיוֹתֵר עַל בְּחִינַת דִּין מִכָּל הָאוֹתִיּוֹת, אַף עַל פִּי כֵן הֵם לְטוֹבָה גַּם כֵּן, שֶׁבְּוַדַּאי הַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכוֹ.

וְלָזֶה מְרַמֵּז הַכָּתוּב 'בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן', פֵּירוּשׁ מִלְּשׁוֹן רִידּוּי וּמַכָּה, בְּחִינַת דִּין, וּפֵירוּשׁ 'בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן' לְהַעֲבִיר הַבְּחִינַת דִּין.

---

ג. וראה בספר אמרי צדיקים (זיטאמיר תרס"א, דף י ע"א): וקרוב לזה שמעתי מאדמו"ר החסיד עולם מהר"ר חיים מקראסני ז"ל על הגמ' דתענית ואמאי קרו ליה נחום איש גם זו מפני דכל מלתא דהוי סלקי ליה אמר גם זו לטובה, עכ"ל הגמרא. אמר הוא ז"ל, דאיתא בהאר"י ז"ל שיש פנים ואחור, ופנים הם האותיות הקודמים בשם הוי"ה ב"ה, היינו שם הקדוש טדה"ד, ואחור הם אותיות המאוחרות שבשם הוי"ה שם הקדוש כוז"ו, וידוע שהשם הקדוש טדה"ד כלם רחמים גמורים, ושם הקדוש אשר אחר האותיות של שם הוי"ה ב"ה מרומז על דינים, אך שני אותיות הקדומים בשם הקדוש כוז"ו הם כ"ו, וכ"ו היא גמטריא שם הרחמים וכולו רחמים גמורים, רק שנשאר ז"ו שהם דינים כנזכר בכתבי האר"י ז"ל, (ויש רמז נפלא ג"כ בפסוק דכתוב (עי' קהלת ה, יח) 'זו מתת אלהים היא') ולכן פירוש הגמ' כך הוא, אמאי קרו ליה נחום איש גם זו דהוי כל כך איש צדיק, דכל מלתא דהוי סלקי ליה אמר, פירוש המתיק, כמאמר הכתוב (דברים כו, יח) 'וה' האמירך היום', והמתיק הדינים בשורשם, שאפילו גם ז"ו, עשה לטובה ברוב צדקותיו, כי גם זו גימטריא אחד, ומאתו לא תצא הרעה, ומצא ג"כ ברעה דבר טוב לעולם ועד, ונתהפך כלו לרחמים גמורים, זה היא דברי קדשו.

---

**פֵּירוּשׁ שֶׁיָּדוּעַ שֶׁשֵּׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הוּא רַחֲמִים** די פשט פון דעם איז ווי ס'איז באקאנט אז די שם הוי"ה איז מרמז אויף רחמים, **וְהַשֵּׁם כוז"ו שֶׁהֵם אוֹתִיּוֹת שֶׁאַחַר אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה בְּאַלֶ"ף בֵּי"ת הֵם דִּין** און די שם כוז"ו וואס דאס איז די אותיות וואס קומט נאך די אותיות פון שם הוי"ה איז מרמז אויף מידת הדין[ג].

**רַק שֶׁהַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכוֹ בְּהֶסְתֵּר** און אזוי ווי די שם איז מרמז אויף דין דארף מען וויסען אז די חסד איז באהאלטען דערין מיט א באהאלטענקייט, **וְאוֹתִיּוֹת כ"ו שֶׁל הַשֵּׁם כוז"ו הַחֶסֶד שֶׁבָּהֶם הֵם יוֹתֵר נִגְלִים** און די חסד וואס ליגט אין די אותיות כ"ו פון די שם **כוז"ו** איז מער אנטפלעקט, **כִּי הֵם גִּימַטְרִיָּא הֲוָיָ"ה** ווייל די אותיות כ"ו איז בגמטריא אזוי ווי די שם הוי"ה וואס איז מרמז אויף חסד ורחמים, **וְאוֹתִיּוֹת ז"ו הֵם יוֹתֵר דִּין** און די אותיות ז"ו פון די שם **כוז"ו** איז מער מרמז אויף דין, **וְהַחֶסֶד נִסְתָּר בְּתוֹכוֹ מְאוֹד בְּיוֹתֵר** און די חסד איז זייער שטארק באהאלטן אינדעם.

**וְלָכֵן אָמַר נָחוּם אִישׁ גַּם זוּ** (תענית כא.) **'גַּם זוּ לְטוֹבָה'** און פארדעם האט נחום איש גם זו געזאגט גם 'זו' לטובה, **פֵּירוּשׁ גַּם אוֹתִיּוֹת ז"ו** דאס מיינט צו זאגען אויף די אותיות 'זו' פון די שם כוז"ו, **שֶׁהֵם מוֹרִים בְּיוֹתֵר עַל בְּחִינַת דִּין מִכָּל הָאוֹתִיּוֹת**[ד] וואס די אותיות 'זו' ווייזען מעהר אויף די מידת הדין מער ווי אלע אותיות, **אַף עַל פִּי כֵן הֵם לְטוֹבָה גַּם כֵּן** פון דאס ווענג דאך איז עס אויך צום גוטען, **שֶׁבְּוַדַּאי הַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכוֹ** ווייל פאר זיכער איז די חסד באהאלטען דערין.

## [ב]

## די תירוץ אויף די ווערטער 'בעבר הירדן'

**וְלָזֶה מְרַמֵּז הַכָּתוּב 'בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן'**, און דאס איז מרמז די פסוק מיט די ווערטער 'בעבר הירדן', **פֵּירוּשׁ מִלְּשׁוֹן רִידּוּי וּמַכָּה** די ווארט 'ירדן' איז אויך די זעלבע טייטש פון שטראפען - שלאגען, **בְּחִינַת דִּין** וואס איז א בחינה פון 'דין', **וּפֵירוּשׁ 'בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן' לְהַעֲבִיר הַבְּחִינַת דִּין** און די טייטש פון 'בעבר הירדן' מיינט אוועקצונעמען און אריבערפירן די דינים[ה].

---

ג. די שם הוי"ה איז מרמז אויף חסד, און די אותיות וואס איז נאך די שם הוי"ה ווי אונז זעהן אז נאך די **י'** קומט די כ', און נאך די **ה'** קומט די ו', און נאך די **ו'** קומט די ז', און נאך די **ה'** קומט די ו' און דאס איז די שם כוז"ו זענען מרמז אויף דין.

ד. ווי דערמאנט אויבן איז די אותיות ז' ו' נאך די אותיות ו' - ה' פון שם הוי"ה.

ה. מיט דעם ווערט פארענטפערט וואס די בת עין האט געפרעגט אז די ווארט 'בעבר הירדן' איז נישט קיין סימן, ווייל די ווארט 'בעבר הירדן' איז טאקע נישט קיין סימן ווי משה רבינו איז דעמאלסט געווען, נאר ס'איז פון די ווערטער פון משה רבינו וואס האט גערעדט צו זיי און געגעבן די עצה ווי אזוי אוועקצונעמען די דינים.

> וְדִיבֵּר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה עִם יִשְׂרָאֵל אוֹדוֹת שֵׁמוֹת הַלָּלוּ שֶׁל דִּינִים כְּשֶׁבָּאִים עַל יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּם צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁיִּסְתַּכְּלוּ בְּהַטּוֹב הַגָּנוּז בְּהַצָּרָה הַהִיא, וְיַהַפְכוּ הַצָּרָה לְרָצָה וּמָרָה לְרָמָה.
>
> כְּמוֹ שֶׁהֶרְאָה ה' יִתְבָּרַךְ לְמֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אֵצֶל מֵי מָרָה, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (שמות טו, כה) 'וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם', וְנַעֲשָׂה מִן מָרָה רָמָה.
>
> כִּי בְּוַדַּאי בְּכָל צָרָה הַטּוֹב וְהַחֶסֶד גָּנוּז בְּהֶסְתֵּר בְּתוֹכוֹ, רַק שֶׁהַקְּלִיפָּה הַחִיצוֹנָה מַסְתִּירָה, כְּמוֹ הַמּוֹץ שֶׁל הַחִטָּה מַסְתִּיר הַחִטָּה וּצְרִיכִים לַהֲסִירָהּ מִן הַחִטָּה.
>
> כֵּן גַּם הַקְּלִיפָּה וּמוֹץ שֶׁעַל הַחֶסֶד צְרִיכִים לַהֲסִירָהּ עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה וְלֵב נִשְׁבָּר וְצוֹם, וּמְהַפְּכִים מוֹץ לְצוֹם, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה וְנִתְהַפֵּךְ מִן צָרָה לְרָצָה, וּמְהַפְּכִים חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא.
>
> וְגַם הַכָּתוּב מְרַמֵּז לָזֶה בְּעִנְיַן הַצּוֹם, דִּכְתִיב (זכרי' ח, יט) 'צוֹם הָרְבִיעִי וְצוֹם הַחֲמִישִׁי צוֹם הַשְּׁבִיעִי וְצוֹם הָעֲשִׂירִי' וְגוֹ',

## משה רבינו האט אויסגעלערנט די יודען א עצה ווי אזוי צו ממתיק זיין די דינים

**וְדִיבֵּר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה עִם יִשְׂרָאֵל אוֹדוֹת שֵׁמוֹת הַלָּלוּ שֶׁל דִּינִים** און משה רבינו האט גערעדט צו די יודען וועגן די שמות פון דינים, **כְּשֶׁבָּאִים עַל יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּם צָרָה חַס וְשָׁלוֹם** אז ווען ס'קומט חס ושלום אויף די יודען א צרה, **שֶׁיִּסְתַּכְּלוּ בְּהַטּוֹב הַגָּנוּז בְּהַצָּרָה הַהִיא** זאלען זיי קוקן אויף די גוטס וואס איז באהאלטן אין יענע צרה, **וְיַהַפְכוּ הַצָּרָה לְרָצָה וּמָרָה לְרָמָה** און זיי זאלען איבערקערן די צירוף פון 'צרה' צו 'רצה' (א לשון פון ווילען) און די צירוף פון דיווארט 'מרה' (וואס מיינט ביטער) צו דאס ווארט 'רמה' וואס מיינט דערהויבען.

**כְּמוֹ שֶׁהֶרְאָה ה' יִתְבָּרַךְ לְמֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אֵצֶל מֵי מָרָה** אזוי ווי דער באשעפער האט געוויזען די יודען ביי די 'מי מרה', **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (שמות טו, כה) **'וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי משה רבינו 'און דער באשעפער האט אים געוויזען א האלץ און ער האט עס ארייגעווארפען אין די וואסער און די וואסער איז זיס געווארן', **וְנַעֲשָׂה מִן מָרָה רָמָה און עס איז אויפגעטוישט געווארן די אותיות פון די ווארט 'מרה' צו די אותיות פון ווארט 'רמה'.**

## אויפדעקן די חסד אין א יעדע צרה

**כִּי בְּוַדַּאי בְּכָל צָרָה הַטּוֹב וְהַחֶסֶד גָּנוּז בְּהֶסְתֵּר בְּתוֹכוֹ** ווייל פאר זיכער איז אין יעדע צרה באהאלטען אינדעם דאס גוטס און די חסד, **רַק שֶׁהַקְּלִיפָּה הַחִיצוֹנָה מַסְתִּירָה** נאר די דרויסענדיגע שאלעכץ טוט עס באהאלטען, **כְּמוֹ הַמּוֹץ שֶׁל הַחִטָּה מַסְתִּיר הַחִטָּה** אזוי ווי די שטרוי פון די ווייץ טוט באהאלט די ווייץ, **וּצְרִיכִים לַהֲסִירָהּ מִן הַחִטָּה** און מען דארף אפטאהן די שטרוי פונעם ווייץ, **כֵּן גַּם הַקְּלִיפָּה וּמוֹץ שֶׁעַל הַחֶסֶד צְרִיכִים לַהֲסִירָהּ עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה וְלֵב נִשְׁבָּר וְצוֹם** אזוי אויך די שאלעכץ און די שטרוי פון די חסד דארף מען אפטאהן דורך תשובה און א צובראכענע הארץ און פאסטן פארן באשעפער.

**וּמְהַפְּכִים** מוֹץ **לְצוֹם און דורך די תשובה דרייט מען איבער די צירוף פון די אותיות 'מוֹץ'** (וואס דאס מיינט די דרויסענדיגע שאלעכץ) **צו 'צוֹם'** (דאס מיינט אז די 'מוֹץ' וואס איז די דין ווערט איבערגעדרייט צו חסד דורך די 'צוֹם'), **וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה וְנִתְהַפֵּךְ מִן צָרָה לְרָצָה און דורכדעם ווערט איבערגעדרייט פון צרה צו רצה** (ווילען), **וּמְהַפְּכִים חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא** און מען דרייט איבער פון טונקעל צו לעכטיגקייט.

## די תעניתים זענען מרמז אויף די חסד וואס ליגט אינדעם

**וְגַם הַכָּתוּב מְרַמֵּז לָזֶה בְּעִנְיַן הַצּוֹם** אויך די פסוק איז מרמז אויף די חסד וואס ליגט אין די ענין פון די תעניתים, **דִּכְתִיב** (זכרי' ח, יט) **'צוֹם הָרְבִיעִי וְצוֹם הַחֲמִישִׁי צוֹם הַשְּׁבִיעִי וְצוֹם הָעֲשִׂירִי' וְגוֹ'**[ו] אזוי ווי אונז זעהן רעכנט די נביא זכריה אויס אלע 4 תעניתים דווקא לויט די חדשים וואס אין זיי קומט עס אויס אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'די פאסט וואס איז אינעם פערדן חודש און

---

ו. צוֹם הָרְבִיעִי מיינט י"ז תמוז וואס איז אין פערדן חודש (ווען מען רעכנט די חדשים פון ניסן), צוֹם הַחֲמִישִׁי מיינט תשעה באב, צוֹם הַשְּׁבִיעִי מיינט צום גדליה, און צוֹם הָעֲשִׂירִי מיינט עשרה בטבת.

וּמִסְפָּר כּוּלָּם גִּימַטְרִיָּא כ״ו[ד] כְּשֵׁם הֲוָיָ״ה בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא רַחֲמִים.

כִּי בְּוַדַּאי הַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכָם, רַק שֶׁהַיִּשְׂרָאֵל צְרִיכִים לְהוֹצִיאָם מִשָּׁם כַּנַּ״ל, וּלְהַפֵּךְ מִצּוֹם לְקוֹל, קוֹל יַעֲקֹב, כִּי מִסְפָּרָם שָׁוֶה צוֹם קוֹל, שֶׁהַגִּימַטְרִיָּא שֶׁל כָּל אֶחָד קל״ו.

וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב (איכה ב, א) ׳הִשְׁלִיךְ מִשָּׁמַיִם אֶרֶץ תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל׳, כִּי ׳אֶרֶץ׳ הוּא מִלְּשׁוֹן ׳רָצוֹן׳, כְּמַאֲמַר חֲזַ״ל (ב״ר ה, ח) לָמָּה נִקְרֵאת שְׁמָהּ אֶרֶץ שֶׁרָצְתָה לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנָהּ.

רָצָה לוֹמַר הַקָּבָּ״ה ׳הִשְׁלִיךְ מִשָּׁמַיִם רְצוֹנוֹ׳ שֶׁל הִיפּוּךְ צֵירוּף אַתְוָון, בִּשְׁבִיל ׳תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל׳[ה].

וְזֶהוּ רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם שֶׁתִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל יַהַפְכוּ הַצֵּירוּף אַתְוָון מִן בְּחִינַת דִּין לִבְחִינַת רַחֲמִים, וְיַהַפְכוּ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא, כַּנַּ״ל.

וְזֶה מְרוּמָּז בַּפָּסוּק ׳אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל׳, פֵּירוּשׁ ׳אֵלֶּה הַדְּבָרִים׳ גִּימַטְרִיָּא טַל, כִּדְרָשַׁת

ד. ר״ל רביעי היינו ארבע, וחמישי כנ״ל, שביעי ועשירי, עולים יחד למנין כ״ו.

ה. וזהו ביאור הפסוק ׳השליך משמים ארץ׳, היינו שהקב״ה נתן (השליך) משמים, את הכח להפוך הצירופים [שזהו ארץ שהוא לשון רצון], בשביל ׳תפארת ישראל׳ שיהפכו הצירוף מדין לרחמים.

וואס איז אינעם זיבעטן חודש און וואס איז אינעם צענטן חודש׳, **וּמִסְפָּר כּוּלָּם גִּימַטְרִיָּא כ״ו**[ז] און ווען אונז רעכנען צוזאם די צאהל פון די אלע חדשים איז בגמטריא זעקס און צוואנציג, **כְּשֵׁם הֲוָיָ״ה בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא רַחֲמִים** אזוי ווי וויפיל עס בגמטריא די שם הוי״ה וואס איז מרמז אויף רחמים.

**כִּי בְּוַדַּאי הַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכָם** ווייל זיכער ליגט די חסד השם באהאלטען אין זיי, **רַק שֶׁהַיִּשְׂרָאֵל צְרִיכִים לְהוֹצִיאָם מִשָּׁם כַּנַּ״ל** נאר ווי אויבענדערמאנט דארפן די יודען ארויסנעמען די חסד השם פון זיי, **וּלְהַפֵּךְ מִצּוֹם לְקוֹל** און צו איבערדרייען פון די צירוף ׳צום׳ צו די צירוף ׳קול׳ (וואס דאס איז מרמז צו תפילה - קוֹל יַעֲקֹב), **כִּי מִסְפָּרָם שָׁוֶה** ׳צום – קול׳ **ווייל די גימטריא פון צום - קול זענען גלייך, שֶׁהַגִּימַטְרִיָּא שֶׁל כָּל אֶחָד קל״ו** ווייל יעדע איינע פון זיי איז בגמטריא 136.

[ג]

## די רצון השם איז אז די יודען זאלען איבערקערן די צירופים פון שלעכטס צו גוטס

**וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב** (איכה ב, א) **׳הִשְׁלִיךְ מִשָּׁמַיִם אֶרֶץ תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל׳**[ח] און דאס איז וואס די פסוק אין איכה זאגט ׳דער אייבישטער האט אראפגעווארפן פון הימל צו די ערד די שטאלץ פון די יודן׳, **כִּי ׳אֶרֶץ׳ הוּא מִלְּשׁוֹן ׳רָצוֹן׳** ווייל דיווארט ׳ארץ׳ קען אויך ווערן געטייטשט די לשון ׳ווילען׳, **כְּמַאֲמַר חֲזַ״ל** (ב״ר ה, ח) **לָמָּה נִקְרֵאת שְׁמָהּ ׳אֶרֶץ׳ שֶׁרָצְתָה לַעֲשׂוֹת ׳רְצוֹן׳ קוֹנָהּ**[ט] אזוי ווי די חכמים זאגן אונז פארוואס ווערט די ערד אנגערפן מיטן נאמען ׳ארץ׳? ווייל די ערד האט געוואלט טאהן די ׳ווילען׳ פונעם באשעפער.

**רָצָה לוֹמַר הַקָּבָּ״ה ׳הִשְׁלִיךְ מִשָּׁמַיִם רְצוֹנוֹ׳ שֶׁל הִיפּוּךְ צֵירוּף אַתְוָון** דאס מיינט די פסוק צו זאגען דער באשעפער האט אראפגעווארפן פון הימעל זיין ווילען מען זאל איבערדרייען די צירופים פון שלעכטס צום גוטן, **בִּשְׁבִיל ׳תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל׳** וועגן די שטאלץ פון די יודען זיי זאלען דאס קענען טאהן.

**וְזֶהוּ רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם** און דאס איז די ווילען פון באשעפער, **שֶׁתִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל יַהַפְכוּ הַצֵּירוּף אַתְוָון מִן בְּחִינַת דִּין לִבְחִינַת רַחֲמִים** אז די יודען זאלען איבערקערן די צירופים פון ׳דין׳ צו ׳רחמים׳, **וְיַהַפְכוּ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא כַּנַּ״ל** און ווי אויבען דערמאנט צו איבערקערן פון טונקעלקייט צו ליכטיגקייט.

## די רמזים אין די פסוק ׳אלה הדברים׳

**וְזֶה מְרוּמָּז בַּפָּסוּק** און דאס איז מרומז אין די פסוק **׳אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל׳, פֵּירוּשׁ ׳אֵלֶּה הַדְּבָרִים׳ גִּימַטְרִיָּא טַל** דאס מיינט צו זאגען אז די ווערטער ׳אלה הדברים׳ איז בגמטריא לט׳, **כִּדְרָשַׁת**

ז. דאס מיינט ווען מען רעכנט די נומערן פון די חדשים וואס די פסוק רעכנט אויס וואס אין זיי געפאלט די תעניתים: 4 (תמוז) מיט 5 (אב) מיט 7 (תשרי) און 10 (טבת) איז עס 26.

ח. דער נביא קלאגט אין די פסוק אז השי״ת האט אראפגעווארפען די שיינקייט פון די יודען פון די הימעל צו די ערד. דער בת עין טייטשט די פסוק בדרך רמז אז השי״ת האט געגעבן פאר די יודען די כח פון איבערדרייען נישט גוטע זאכען צום גוטען.

ט. און דאס מיינט אזוי ווי די פסוק שטייט השליך משמים (ארץ) ׳רצונו׳ אז השי״ת האט אראפגעשיקט זיין ווילען פון הימעל.

י. די גמרא אין מסכת שבת (דף ע׳) לערנט ארויס די איסור פון ל״ט מלאכות פון די פסוק אין פרשת ויקהל וואס ס׳שטייט דארט ׳ויקהל משה וגו׳ אלה הדברים וגו׳, זאגט די גמרא אז די ווארט ׳אלה׳ איז בגמטריא 36, ׳דברים׳ מיינט צוויי (לשון רבים) איז עס שוין 38, און ס׳שטייט ׳ה׳דברים מיט א

**רַבּוֹתֵינוּ ז"ל** (שבת ע.) **מִכָּאן לְט"ל מְלָאכוֹת הַמִּשְׁכָּן**[י] אזוי ווי אונזערע חכמים דרש'ענען אין די פסוק 'אלה הדברים' אין פרשת ויקהל אז פון די ווערטער 'אלה הדברים' לערנט מען ארויס די ל"ט מלאכות פון שבת.

**וּלְעִנְיָנֵינוּ נְפָרֵשׁ** ט"ל **גִּימַטְרִיָּא כְּמִסְפַּר הַשֵּׁם** כוז"ו אין אונזער פרשה קענען אונז מפרש זיין אז די גימטריא ט"ל (39) איז זעלבע בגמטריא ווי די שם כוז"ו (39), **שֵׁם שֶׁל דִּין כַּנַּ"ל** וואס דאס איז די שם פון דין ווי אויבען דערמאנט.

**גַּם סוֹפֵי תֵּיבוֹת שֶׁל 'אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר' הוּא תֵּיבַת** מָרָה אויך די סופי תיבות פון די ווערטער אלה הדברים אשר איז די ווארט מרה.

**וְסוֹפֵי תֵּיבוֹת שֶׁל** דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל גִּימַטְרִיָּא צָרָה און די סופי תיבות פון די ווערטער דבר משה אל כל ישראל איז בגימטריא צרה.

רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (שבת ע.) מִכָּאן לְט"ל מְלָאכוֹת הַמִּשְׁכָּן[ו].

וּלְעִנְיָנֵינוּ נְפָרֵשׁ ט"ל גִּימַטְרִיָּא כְּמִסְפַּר הַשֵּׁם כוז"ו, שֵׁם שֶׁל דִּין כַּנַּ"ל. גַּם סוֹפֵי תֵּיבוֹת שֶׁל אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר הוּא תֵּיבַת מָרָה, וְסוֹפֵי תֵּיבוֹת שֶׁל דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל גִּימַטְרִיָּא צָרָה.

וְעַל אֵלּוּ הַדְּבָרִים דִּבֶּר מֹשֶׁה עִם יִשְׂרָאֵל, וְלִמֵּד אוֹתָם שֶׁיַּהַפְכוּ אֶת כָּל הַנַּ"ל לְרַחֲמִים, כְּשֶׁבָּא חַס וְשָׁלוֹם מָרָה אוֹ צָרָה, יֵדְעוּ שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ חֶסֶד וְרַחֲמִים נֶעְלָם וְגָנוּז בְּתוֹכָהּ, רַק שֶׁהָעֲוֹונוֹת מַסְתִּירִים אוֹתוֹ כְּמוֹץ לִתְבוּאָה.

עַל כֵּן יַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה, וַיִּקְרְאוּ צוֹם, וְיַהֲפוֹךְ מוֹץ לְצוֹם, וַה' בְּרַחֲמָיו יַעֲנֶה אוֹתָם וְיַהֲפוֹךְ גַּם כֵּן מִצָּרָה לְרָצָה, וּמִמָּרָה לְרָמָה, וּמִצּוֹם לְקוֹל, קוֹל מְבַשֵּׂר מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

ו. עיין לעיל הערה ד.

## משה רבינו האט אויסגעלערנט די יודען ווי אזוי איבערצוקערן צירופים פון דין צו רחמים

**וְעַל אֵלּוּ הַדְּבָרִים דִּבֶּר מֹשֶׁה עִם יִשְׂרָאֵל** און וועגן די זאכען האט משה רבינו גערעדט צו די אידען, **וְלִמֵּד אוֹתָם שֶׁיַּהַפְכוּ אֶת כָּל הַנַּ"ל לְרַחֲמִים** און ער האט זיי אויסגעלערנט אז ער זאל אלעס איבערדרייען צו רחמים, **כְּשֶׁבָּא חַס וְשָׁלוֹם מָרָה אוֹ צָרָה** ווען עס קומט חס ושלום א 'מרה' (ביטערקייט) אדער א 'צרה', **יֵדְעוּ שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ חֶסֶד וְרַחֲמִים נֶעְלָם וְגָנוּז בְּתוֹכָהּ** זאל מען וויסען אז זיכער איז דא באהאלטען אין דעם א חסד און רחמים, **רַק שֶׁהָעֲוֹונוֹת מַסְתִּירִים אוֹתוֹ כְּמוֹץ לִתְבוּאָה** נאר זיינע זינד באהאלטען די חסדים פון אים ער זאל עס נישט קענען זעהן אזוי ווי די שטרוי באהאלט אין זיך די תבואה.

**עַל כֵּן יַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה** וועגן דעם זאלען זיי תשובה טאהן מיט א צובראכען און אונטערטעניג הארץ, **וַיִּקְרְאוּ צוֹם** און זיי זאלען פארופען א תענית, **וְיַהֲפוֹךְ** 'מוֹץ' **לְ**'צוֹם' **און אזוי וועט מען איבערקערן פון** 'מוץ' (די שטרוי וואס פארדעקט די גוטס) **צו 'צום'.**

**וַה' בְּרַחֲמָיו יַעֲנֶה אוֹתָם** און השי"ת מיט זיין רחמנות וועט זיי ענטפערן, **וְיַהֲפוֹךְ גַּם כֵּן מִצָּרָה לְרָצָה און וועט אויך איבערקערן די צירוף פון 'צרה' צו 'רצה'** (באוויליגען), **וּמִמָּרָה לְרָמָה און פון די ווארט 'מרה' צו 'רמה'. וּמִצּוֹם לְקוֹל און פון די צירוף 'צום' וועט איבערגעקערט ווערן צו 'קול'**[יב], **קוֹל מְבַשֵּׂר מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת** וואס די צירוף 'קול' איז מרמז אויף א קול וואס זאגט אונז פאר בשורה פון ישועות און נחמות, **בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ** שנעל אין אונזערע טעג.

**אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

עקסטערע 'ה' פארמערט עס נאך איינס און ס'איז 39.

יא. דאס מיינט די זעלבע רמז וואס חז"ל נוצען אויף די ווערטער 'אלה הדברים' ביי די מצוה פון שבת אז ס'איז בגמטריא 39, איז דער בת עין מרמז אויף די ווערטער 'אלה הדברים' וואס שטייט אין אונזער פרשה.

יב. וואס ווי אויבענדערמאנט (אות ב) איז 'צום' בגמטריא 'קול' וואס איז מרמז צו 'קול יעקב' אז דורך די קול יעקב קען מען צורייסן די דינים און ס'וועט ווערן קול מְבַשֵּׂר מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

# מוסרי הבת עין

## המתקת הדינים

א) וְאָמַר הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי חַיִּים מִקְּרָאסְנִי זצ"ל עַל גַּם זוּ לְטוֹבָה, פֵּירוּשׁ שֶׁיָּדוּעַ שֶׁשֵּׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הוּא רַחֲמִים, וְהַשֵּׁם כוז"ו שֶׁהֵם אוֹתִיּוֹת שֶׁאַחַר אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה בְּאַלֶ"ף בֵּי"ת הֵם דִּין, רַק שֶׁהַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכוֹ בְּהֶסְתֵּר, וְאוֹתִיּוֹת כ"ו שֶׁל הַשֵּׁם כוז"ו הַחֶסֶד שֶׁבָּהֶם הֵם יוֹתֵר נִגְלִים, כִּי הֵם גִּימַטְרִיָּא הֲוָיָ"ה, וְאוֹתִיּוֹת ז"ו הֵם יוֹתֵר דִּין, וְהַחֶסֶד נִסְתָּר בְּתוֹכוֹ מְאוֹד בְּיוֹתֵר.

ב) וְלָכֵן אָמַר נָחוּם אִישׁ גַּם זוּ (תענית כא.) 'גַּם זוּ לְטוֹבָה', פֵּירוּשׁ גַּם אוֹתִיּוֹת ז"ו שֶׁהֵם מוֹרִים בְּיוֹתֵר עַל בְּחִינַת דִּין מִכָּל הָאוֹתִיּוֹת, אַף עַל פִּי כֵן הֵם לְטוֹבָה גַּם כֵּן, שֶׁבְּוַדַּאי הַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכוֹ.

ג) וְדִיבֵּר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה עִם יִשְׂרָאֵל אוֹדוֹת שֵׁמוֹת הַלָּלוּ שֶׁל דִּינִים כְּשֶׁבָּאִים עַל יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּם צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁיִּסְתַּכְּלוּ בְּהַטּוֹב הַגָּנוּז בְּהַצָּרָה הַהִיא, וְיַהַפְכוּ הַצָּרָה לְרָצָה וּמָרָה לְרָמָה, כְּמוֹ שֶׁהֶרְאָה ה' יִתְבָּרַךְ לְמֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אֵצֶל מֵי מָרָה, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (שמות טו, כה) 'וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם', וְנַעֲשָׂה מִן מָרָה רָמָה.

ד) כִּי בְּוַדַּאי בְּכָל צָרָה הַטּוֹב וְהַחֶסֶד גָּנוּז בְּהֶסְתֵּר בְּתוֹכוֹ, רַק שֶׁהַקְּלִיפָּה הַחִיצוֹנָה מַסְתִּירָה, כְּמוֹ הַמּוֹץ שֶׁל הַחִטָּה מַסְתִּיר הַחִטָּה וּצְרִיכִים לַהֲסִירָהּ מִן הַחִטָּה, כֵּן גַּם הַקְּלִיפָּה וּמוֹץ שֶׁעַל הַחֶסֶד צְרִיכִים לַהֲסִירָהּ עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה וְלֵב נִשְׁבָּר וְצוֹם, וּמְהַפְּכִים מוֹץ לְצוֹם, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה וְנִתְהַפֵּךְ מִן צָרָה לְרָצָה, וּמְהַפְּכִים חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא.

## השפעת שבת

א) הִנֵּה כְּתִיב (תהלים קלה, ו) 'כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ ה' עָשָׂה בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ' וְגוֹ', וְלִכְאוֹרָה מַה חִידּוּשׁ מַשְׁמִיעֵנוּ בָּזֶה לְפִי גְּדוּלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. וּפֵירַשְׁתִּיו עַל דֶּרֶךְ הַכָּתוּב (תהלים לד, יג) 'מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים' וְגוֹ', כִּי פֵּירוּשׁ 'כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ ה"' פֵּירוּשׁוֹ כְּמוֹ 'מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים', כִּי הַשֵּׁם הוּא עִיקָּר וּמְקוֹר הַחַיִּים, וְזֶהוּ

פֵּירוּשׁוֹ 'כָּל' אִישׁ 'אֲשֶׁר חָפֵץ' לְהִתְדַּבֵּק עַצְמוֹ רַק 'בָּהּ" חַי הַחַיִּים, וּמֵשִׂים כָּל מְגַמּוֹתָיו וְתַאֲווֹתָיו וַעֲשִׂיּוֹתָיו רַק לַה' בִּלְבָד, וְלֹא לְתַעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה וַהֲבָלָיו, הָאִישׁ הַזֶּה בְּוַדַּאי 'עָשָׂה בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ', הַיְינוּ שֶׁמְּחַבֵּר וּמְיַיחֵד יִחוּדִים, וּמַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וּקְדוּשָּׁה וּבְרָכָה מִשָּׁמַיִם מִמַּעַל לְהָאָרֶץ, לָעוֹלָם הַזֶּה בִּבְחִינַת אֶרֶץ מִתָּחַת וּמְחַבְּרָם. וְזֶהוּ עִיקָּר בְּרִיאַת הָאָדָם.

ב) אָמְנָם כָּל זֶה הָיָה בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם, וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל מְכוֹנוֹ, וְשָׁם צִוָּה ה' אֶת הַבְּרָכָה וְהִשְׁרָה שְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ, לָכֵן הָיוּ יְכוֹלִים לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת הַשָּׂגָה זוֹ. אֲבָל בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בִּזְמַן הַזֶּה שֶׁאֵין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁלֵימוּת, וְאֵין אָנוּ יְכוֹלִים לְהַשִּׂיג כַּנַּ"ל, רַק עַל יְדֵי שְׁמִירַת שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ וְלִיזָּהֵר מִן טַ"ל מְלָאכוֹת הָאֲסוּרִים, וּלְקַיֵּים כָּל הַמִּצְוֹת הַתְּלוּיִים בָּהּ בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

נא להתפלל לרפואת הבתולה **זעלדא** בת **שרה רויזא** לרפו"ש

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען ווענכטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

צו צושטייער געבן פאר הוצאת הגליון רופט 9175865465 תזכו למצוות

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com